# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים



## פניני אמונים

## פערל ווערטער אויף אמן און דאוועגען אין די פרשה

### מקדיש זיין די 'ראשית' פאר ה'

"וְלָקַחְתָּ מֵרֵאשִׁית כָּל פְּרִי הָאֲדָמָה אֲשֶׁר תָּבִיא מֵאַרְצְךָ" (כו ב)

אויסער די מצוה פון ביכורים, זענען דא נאך מצוות וואס די תורה באפעלט אונז צו געבן די 'ראשית' פאר הקב"ה: ביי די מצוה פון חלה זענען מיר באפוילן געווארן (במדבר טו כ): "רֵאשִׁית עֲרִסֹתֵכֶם", אזוי אויך ביי תרומה (יח ד): "רֵאשִׁית דְּגָנְךָ תִּירֹשְׁךָ וְיִצְהָרֶךָ". ביי ראשית הגז זענען מיר באפוילן געווארן (שם): "וְרֵאשִׁית גֵּז צֹאנְךָ תִּתֶּן לוֹ", און אויך דער בכור וואס ווערט געבוירן דער ערשטער צו זיין מאמע איז קודש לה' (זעה 'בינה לעתים' עין משפט דרוש ד).

דער ראב"ד **רבי משה שטערנבוך** שליט"א זאגט, פון דעם דארפן מיר זיך אפלערנען אז אויך די ראשית השנה - די טעג פון ראש השנה, דארף מען מקדיש זיין פאר ה' און חלילה נישט לאזן אריבער גיין אפילו איין מינוט לבטלה. און דערציילט אז ער האט געזען ווי הגרי"ז מבריסק האט זיך געפירט אין לויף פון די צוויי טעג ראש השנה צו זאגן תהילים מיט כוונה. פאר די וואס האבן אים געפרעגט פארוואס איז ער נישט באשעפטיגט מיט די געוועגליכע לימודים? האט ער געענטפערט: ווען איך לערן דארף איך פון צייט צו צייט מפסיק זיין כדי נאכזוכן אין ספרים און מעיין זיין צו פארשטיין די סוגיא, און ווייל איך וויל נישט פארלירן אפילו איין מינוט פון ראש השנה, זאג איך תהלים א גאנצע צייט.

'ביאורים והנהגות'

### 'אין אנחנו מספיקים להודות...'

"וּבָאתָ אֶל הַכֹּהֵן אֲשֶׁר יִהְיֶה בַּיָּמִים הָהֵם וְאָמַרְתָּ אֵלָיו הִגַּדְתִּי הַיּוֹם לַה' אֱלֹקֶיךָ כִּי בָאתִי אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבַּע ה' לַאֲבֹתֵינוּ לָתֶת לָנוּ" (כו ג)

"'וְאָמַרְתָּ אֵלָיו' - שאינך כפוי טובה" (רש"י, ע"פ ספרי רצט).

פון רש"י זעט אויס אז דער וואס ברענגט ביכורים און ליינט די פרשה פון 'ביכורים' איז שוין נישט קיין כפוי טובה, אבער פון די צווייטע זייט טרעפן מיר נישט אז ער ווערט גערעכנט ווי איינער וואס איז 'מכיר טובה'. לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס, ביי די פרשה פון ביכורים וואס ער ליינט איז דאך אריינגערעכנט א הודאה אויף אלע טובות וואס הקב"ה האט געטון מיט אים?

נאר פון דא קענען מיר זיך אפלערנען אז אויך דער וואס איז זוכה און איז מסוגל צו מכיר זיין די טובה וואס זיין חבר האט אים געטון, דאך וועט ער קיינמאל נישט קענען מכיר טובה זיין אויף די אלע געוואלדיגע טובות און חסדים וואס הקב"ה טוט מיט אים. דעריבער דער וואס האט געברענגט ביכורים און געלויבט השי"ת אויף דעם וואס ער האט מיט אים גוט'ס געטון, איז טאקע ארויס פון כלל 'כפוי טובה', אבער ער איז נאך ווייט פון צו ווערן אנגערופן א 'מכיר טובה'.

'פי כהן' ח"א עמ' סג

### 'אמן' - פון 'מטה' אויף 'מעלה'

"וְהָיִיתָ רַק לְמַעְלָה וְלֹא תִהְיֶה לְמָטָּה כִּי תִשְׁמַע אֶל מִצְוֹת ה' אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת" (כח יג)

זאגט דער **'בן איש חי'**:

דער אונטערשייד צווישן די גימטריה פון 'מַעְלָה' [145] און די גימטריה פון 'מָטָּה' [54] איז צ"א, וואס איז כידוע די גימטריה פון די צוויי שמות הוי"ה און אדנ"י, וואס זענען מרומז אין די ווארט 'אמן' וואס איז אויך בגימטריה צ"א, און צוליב דעם האט עס א חשיבות (בעל הטורים דברים כד ב). דאס האט דער פסוק מרמז געווען אז דער וואס איז מקיים "מִצְוֹת ה' אֱלֹקֶיךָ" מיט א כוונה צו מייחד זיין די צוויי שמות הק', איז זוכה אז זיין דרגה וועט דערהויבן ווערן פון 'מטה' אויף 'מעלה'.

'בן איש חי' - הלכות, הקדמת כי תבוא

### אויפהייבן די צווייטע מאל - נאך די ברכה

"וְעַתָּה הִנֵּה הֵבֵאתִי אֶת רֵאשִׁית פְּרִי הָאֲדָמָה אֲשֶׁר נָתַתָּה לִּי ה' וְהִנַּחְתּוֹ לִפְנֵי ה' אֱלֹקֶיךָ" (כו י)

רש"י ערקלערט (ע"פ ספרי כי תבא פיסקא שא) די מצוה פון תנופה, מ'האט אויפגעהויבן די ביכורים צוויי מאל, איינמאל ביים אנהייב 'מקרא ביכורים', און איינמאל ביי די ענדע. די סיבה פארוואס מ'האט געדארפט צוויי מאל אויפהייבן, ערקלערט דער **'חתם סופר'** אזוי:

די חכמים (סוכה לז ב) ערקלערן צוויי טעמים פארוואס מ'האט געדארפט אויפהייבן אויף אויבן און אונטן און די פיר זייטן: א. ווייזן אז מיר זענען מקיים די מצוה פארן אייבערשטן וואס די הימל און ערד און די פיר זייטן באלאנגען פאר אים. ב. כדי אפהאלטן די שלעכטע ווינטן וואס קומען פון די פיר זייטן און די שלעכטע טל וואס קומט פון אויבן און אונטן.

נאך זאגן די חכמים (ברכות לו א) אז אלעס וואס הקב"ה האט באשאפן טוט באלאנגען פאר אים, אזוי ווי עס שטייט (תהלים כב א): "לה' הארץ ומלואה", און נאר נאכן ברכה ווערט דער זאך איבערגעגעבן פאר דעם וואס האט געזאגט די ברכה, אזוי ווי עס שטייט (שם קטו טז): "והארץ נתן לבני אדם".

לויט דעם וועט מען גוט פארשטיין די ענין פון די תנופה: בשעת'ן ברענגען די ביכורים באלאנגען נאך די פירות פארן באשעפער; דעמאלטס הייבט מען עס אויף פארן אייבערשטן וואס די הימל און ערד און אלע פיר זייטן זענען זיינס. אבער דערנאך וואס דער וואס ברעגנט די ביכורים האט געליינט די פסוקים פון 'בכורים' און געלויבט הקב"ה אויף די ערד און פרוכט וואס ער האט אים געשאנקען, האט ער זוכה געווען אין די פירות דורך די ברכה; יעצט דארף ער זיי נאכאמאל אויפהייבן מיט א תפילה אז הקב"ה זאל אפהיטן די מתנות וואס ער האט אים געשאנקען, דורך דעם וואס ער וועט באשיצן די פרוכט פון שלעכטע טל און ווינטן.

'חתם סופר' ד"ה והניחו

### דער אונטערדשייד פון 'תמהון לבב' און 'תמהון לבב'

"יַכְּכָה ה' בְּשִׁגָּעוֹן וּבְעִוָּרוֹן וּבְתִמְהוֹן לֵבָב" (כח כח)

"'ובתמהון לבב' - אוטם הלב" (רש"י)

אין די סדר הווידוי פון 'על חטא' וואס מ'זאגט יום הכפורים, זענען מיר זיך מתוודה: "על חטא שחטאנו לפניך בתמהון לבב". און מ'דארף פארשטיין, פון דער פסוק זעט אויס אז "תמהון לבב" איז א שטראף און נישט קיין זינד, און פארוואס דארפן מיר זיך מתוודה זיין אויף דעם?

ענטפערט **רבי יצחק אליהו לאנדא** דער ווילנער מגיד, מיר זענען זיך נישט מתוודה אויף די עצם 'תמהון לב', נאר אויף די זינד וואס האט אונז צוגעברענגט מיר זאלן געשטראפט ווערן מיט דעם.

נאך ערקלערט ער: אט די תמהון הלב אויף וואס מיר זענען זיך מתוודה, איז נישט טייטש א פארשטאפטע הארץ אזוי ווי רש"י טייטש די תמהון הלב וואס ווערט דא דערמאנט, נאר עס איז א לשון פון וואונדער; מיר זענען זיך מתוודה אויף דעם וואס אונזער אמונה איז נישט ווי עס דארף צו זיין און אמאל קענען מיר זיך וואונדערן אויף די הנהגה פון ה'.

סידור 'דובר שלום' עמ' קג

## "שַׁחַר אֲבַקֶּשְׁךָ צוּרִי וּמִשְׂגַּבִּי"

"אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ סְתֹם פִּיּוֹת מַשְׂטִינֵנוּ וּמְקַטְרְגֵנוּ"

מיטן כח פון ענטפערן אמן איז דער מענטש מנצח און טוט אונטערטעניגן די מקטרגים וואס רעדן שלעכטס אויף אים (מהרש"א נזיר סג ב)



"אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ כָּתְבֵנוּ בְּסֵפֶר חַיִּים טוֹבִים"

"העונה אמן ארוכה [געלאסן] מאריכין לו ימיו ושנותיו בטובה" (ירושלמי ברכות ח ח)



טייערער איד! ווילסט פארמערן זכותים לכבוד דעם יום הדין וואס דערנענטערט זיך?

יעדן טאג זאלסטו קומען פריה אין שול צו זאגן די ברכות השחר מיט א חברותא און דורך דעם וועסטו זאמלען אסאך אמן'ס וואס זייער טייערקייט וועט דיר צוניץ קומען ביים יום הדין.



# אוצרות אמונים

אוצרות איבער די מעלה
פון ענטפערן אמן

## 'גדול העונה אמן יותר מן המברך'
### פנינים וביאורים

**אין די פריערדיגע בלעטלעך האבן מיר געברענגט א סעריע פון פינף און צוואנציג וואונדערליכע ערקלערונגען אויף די מאמר פון חכמינו זכרונם לברכה "גדול העונה יותר מן המברך". אין די קאלום וועלן מיר ברענגען פערל-ווערטער און ערקלערונגען וואס זענען פארבינדן מיט דעם מאמר.**

### נישט צולייגן מיינט פארוויניגערן

דער מהר"ל מפראג זאגט: צוליב די כבוד פון ה' דארף מען אכטונג געבן אז יעדער וואס הערט פון א צווייטן א ברכה, דארף ער ענטפערן און צולייגן אויף די שבחים וואס זיין חבר האט פריער אויסגערעכנט, און דער וואס טוט נישט אזוי טוט ער גרינגשעצן אין כבוד שמים. צוליב דעם אויפן זאגן: "ברכו את ה' המבורך", ענטפערן מיר און לייגן צו: "ברוך ה' המבורך **לעולם ועד**". פון דער יסוד דארפן מיר פארשטיין אז אויך דער 'אמן' וואס מיר ענטפערן אויף די וואס זאגן די ברכה, ענהאלט אין זיך א גרעסערע שבח ווי די ברכה, אזוי ווי די חכמים זאגן: "גדול העונה אמן יותר מן המברך". ווייל ווי דערמאנט קען נישט זיין אז דער וואס ענטפערט וועט גרינגשעצן אין כבוד שמים און נישט צולייגן אויף די ווערטער פון דער מברך.

'דרשות מהר"ל' דרוש לשבת תשובה

מ'קען אפשר צולייגן: לויט דעם חידוש פון מהר"ל קען מען פארענטפערן די לשון פון די חכמים וואס זאגן: "גדול העונה אמן יותר מן המברך". און מ'פרעגט, עס וואלט גענוג געווען צו זאגן "גדול העונה מן המברך", פארוואס האט מען צוגעלייגט די ווארט 'יותר'? נאר עס קען זיין אז זיין האבן געמיינט אט דער יסוד: מ'מוז זאגן אז דער עונה אמן איז גדול פון דער מברך, ווייל ער דארף דאך לויבן "**יותר** מן המברך", ד.מ. צולייגן אויף די לויב פון דער מברך. און מ'קען צולייגן אז דאס ליגט אין די כוונה פון די ווערטער פון רבי נהוראי וואס האט זיך אנגערופן אויף דעם מאמר: "השמים כן הוא". בפשטות האט רבי נהוראי געוואלט שווערן אין נאמען פון השי"ת וואס געפינט אין הימל אז דער מאמר איז ריכטיג (רש"י נזיר סו ב ד"ה השמים). אבער לויט וואס איז פריער ערקלערט געווארן קען מען זאגן אז די סיבה פארוואס דער עונה אמן דארף משבח זיין מער פון דער מברך, דאס איז ווייל "לשמים כן הוא" - צוליב דעם כבוד שמים דארף מען אזוי טון (העורך).

### גדול העונה - מן התורה

רבי ישׂשכר בער איילענבורג בעל 'באר שבע' זאגט: די חוב פון ענטפערן אמן דרש'ענען די חכמים (ילק"ש האזינו תתקמב) פון דעם וואס משה האט געזאגט פאר די אידן אין פרשת האזינו (דברים לב ג): "'כי שם ה' אקרא הבו גודל לאלקינו' - ווען איך דערמאן דעם אייבערשטנ'ס נאמען ביי א ברכה, זאלן ענק 'הבו גודל' דורך ענטפערן אמן". פון דעם וואס דער פסוק דערמאנט "גֹדֶל" ביים ענטפערן אמן, איז געדרינגען אז דער עונה אמן פארגרעסערט דער שבח פון הקב"ה מער פון דער מברך, און אזוי ווי די חכמים זאגן: "גדול העונה אמן יותר מן המברך".

'צדה לדרך' דברים לב ג

### 'איש אמונות' 'רב' פון דער וואס זאגט 'ברכות'

דער 'בן איש חי' טייטשט דעם פסוק (משלי כח כ): "אִישׁ אֱמוּנוֹת רַב בְּרָכוֹת", א רמז אויף דעם מאמר חכמים: "גדול העונה אמן יותר מן המברך": "רב" איז טייטש גרויס אזוי ווי: "ורב יעבוד צעיר" (בראשית כה כג) וואס איז טייטש אז דער גרעסערער וועט זיין אונטערגעטעניגט אונטער דעם קלענערער. און דאס איז מרומז אין דער פסוק: "איש אמונות" - דער וואס ענטפערט אמן, "רב ברכות" - איז זיין מעלה גרעסער פון דער מברך.

'בן יהוידע' נזיר סו ב

### די וועג צו די ציל איז פריער

דער מהרש"ם פון ברעזשאן שרייבט: טראץ די אמן ווערט נישט געזאגט נאר נאך די ברכה, פון דעסוועגן זאגן די חכמים אז דאס איז נאך גרעסער פון די ברכה, ווייל אזוי איז דער סדר העולם; די וועג צו דערגרייכן די ציל איז פריער פון די דערגרייכן די ציל, אבער די מעלה פון די ציל איז פאר אלעמען קלאר. דער וואס בויעט פאר זיך א הויז, איז די לאנגע און טייערע צייט פון בויען פריער פון דאס נוצן די הויז, כאטש עס איז זיכער אז נישט די בויען איז די ציל, נאר זיך באנוצן שפעטער מיט די הויז.

דאס האט רבי נהוראי געמיינט זאגנדיג אויף דעם מאמר: "השמים כן הוא". די חכמים זאגן (חגיגה יב א) אז בשעת בריאת העולם, האט מען פריער באשאפן די ערד און נאכדעם די הימל. דאס איז ווייל די הימל איז די תכלית און די ערד איז נאר כדי אנצוקומען צו דעם, אזוי ווי עס שטייט אין משנה (אבות ד טו): "העולם הזה דומה לפרוזדור בפני העולם הבא התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין". לויט דעם, אזוי ווי ביי בריאת העולם זענען די הימל באשאפן אין ענדע כאטש זייער מעלה איז מער פון די ערד וואס איז באשאפן געווארן פריער, ווייל דאס איז די תכלית. אזוי אויך די סיבה וואס די אמן ווערט געזאגט נאך די ברכה איז צוליב איר מעלה, ווייל מיטן זאגן אמן קומט צו די ברכה צו איר ציל.

'תכלת מרדכי' בראשית

### 'נדר גדול' לאלקי ישראל

דער 'בני יששכר' זאגט: די גימטריה פון די ווארט 'אמן' מיט איר מילוי [אל"ף מ"ם נו"ן] - איז צוויי הונדערט מיט זיבן און ניינציג. און די גימטריה פון די ווערטער וואס זענען דער עיקר פון די ברכה - 'ברוך הוי"ה' - איז צוויי הונדערט מיט פיר און פופציג, דער אונטערשייד פון זיי איז דריי און פערציג - די גימטריה פון 'גדול'. דאס זענען די חכמים מרמז זאגנדיג: "גדול העונה אמן **יותר** מן המברך", אז דער גימטריה פון 'אמן' מיט איר מילוי איז מער פון די גימטריה פון די ברכה, מיט וויפיל עס באטרעפט די ווארט 'גדול'.

לייגט צו דער 'בני יששכר': אויב מיר וועלן זיך מתבונן זיין וועלן מיר זען אז די גימטריה פון די ווערטער 'ברוך הוי"ה' איז פונקט ווי די גימטריה פון די ווארט 'נדר', און די גימטריה פון אמן מיט איר מילוי [אל"ף מ"ם נו"ן] איז פונקט ווי די גימטריה פון 'נדר **גדול**', אזוי ווי די חכמים זאגן גדול העונה יותר מן המברך.

'רגל ישרה' מערכת א אות צח

### ענטפערן אמן איז מרבה שלום

אין סוף מסכת נזיר (סו ב) נאך וואס די גמרא ברענגט דעם מאמר: "גדול העונה יותר מהמברך", ברענגט די גמרא אויך אראפ דעם באקאנטן מאמר: "תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם". די קשר פון די צוויי מאמרים האט ערקלערט רבי אליהו שיק דער לידא'ער רב:

ווען די חכמים וואלטן נישט געזאגט 'גדול העונה אמן יותר מהמברך', וואלט אין א פלאץ וואס נאר איינער זאגט די ברכה און איז מוציא אלעמען געווארן א מחלוקת צווישן די מענטשן, ווייל אלע וואלטן געגלוסט זוכה זיין צו זאגן די ברכה. אבער דערנאך וואס די חכמים האבן קובע געווען 'גדול העונה', וועט נישט זיין די סארט מחלוקת. קומט אויס אז מיט די תקנה האבן די חכמים מרבה געווען שלום בעולם.

'עין אליהו' נזיר סו ב

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## עכטע פערציג גאלדענע רענדלעך...

די פרעשבורג'ער קהילה, אין די יארן וואס מרן החתם סופר האט דארט געדינט אלץ רב און ראש ישיבה, איז עס גערעכנט געווען פאר די חשוב'סטע קהילה אין אונגארין. דאס איז געווען אין די תקופה וואס האט געהערשט א דילעמע אין אסאך ענינים וואס זענען געווען פארבינדן מיט אידישקייט אין אונגארין, און האט אסאך אויסגעמאכט אויף איר רוחניות'דיגן עתיד. איבערהויפט אין די ענין פון די השכלה און רעפארמער וואס האט ליידער זייער שטארק חרוב געמאכט די ערליכע אידנטום.

אין די צייט וואס אסאך זענען געווען אין א פארלעגנהייט וויאזוי זיך צו פירן אקעגן די קרענק פון די השכלה וואס האט זיך צושפרייט צווישן די קהילות, איז פון די פרעשבורג'ער שטאט ארויס א קלארע הוראה און הנהגה פאר אלע אידישע קהילות אין גאנץ אונגארין, דער חתם סופר האט אנגעגארטלט זיינע לענדן מיט א שטארקייט און איז ארויס קעמפן אויף די צוקונפט פון דעם ערליכן אידנטום וואס איז געשטאנען אויף די וואגשאל אין א מלחמה מיט אט די זינדיגע, און האט באפוילן מ'זאל זיך גענצליך אפטיילן פון זייערע קהילות אין די בחי' פון 'אם השמאל ואימינה, אם הימין ואשמאילה'. יארן שפעטער האט זיך טאקע ארויסגעוויזן אז מיט אט די באפעל האט דער חתם סופר געראטעוועט די גורל פון די אונגארישע אידנטום אויף דורות שפעטער.

נאך א זאך וואס איז שטענדיג געווען אויפן טיש פון מרן החתם סופר איז געווען זיין ווארעמע באציאונג צו די מצוה פון ישוב ארץ ישראל. אין יענע יארן האט זיך באנייט דאס אידישע ישוב אין ארץ ישראל, ווען דער חתם סופר איז ווי דער 'גדול העומד על גביו', וואס מוטיגט און שטיצט די טייערע אידן וואס האבן זיך מוסר נפש געווען אויף צו וואוינען אין ארץ ישראל.

די שטיצע און הילף פון חתם סופר איז געווען 'כמים קרים על נפש עייפה' פאר די העלדן, וואס אויך נאך די לאנגע און שווערע וועג פיל מיט שטרויכלונגען פון די גלות לענדער אויפן וועג קיין ארץ ישראל, זענען זיי נישט אנגעקומען אל המנוחה ואל הנחלה. די לאנד האט זיי אפגעווארט ווען זי איז פוסט און פארלאזט, אנגעזעטיגט פון שלאכטן, הונגער און מגיפות, ארעם און נעבעכדיג. אבער טראץ זייער שווערן צושטאנד האבן זיי געלערנט תורה און באזעצט די לאנד מיט א אויסטערלישן ענגשאפט, מיט א עכטע מסירות נפש. אלעס איז געווען אין זכות פון די גרויסע שטיצע וואס זיי האבן באקומען פון זייערע ברודער וואס זענען געבליבן אין די גלות-לענדער.

צוליב דעם, איז נישט קיין וואונדער געווען פאר די מקורבים און שטוב מענטשן פון חתם סופר צו זען די אויסטערלישע ליבשאפט וואס ער האט געהאט פאר די ארץ ישראל'דיגע משולחים וואס פון צייט צו צייט פלעגן זיי קומען צו אים אויפן וועג צו שאפן געלט אין די חוץ לארץ'דיגע קהילות הקודש לטובת די עניי ארץ ישראל און פאר די עקזיסטענץ פון אירע מוסדות. דער חתם סופר פלעגט זיי אויפנעמען מיט א זעלטענע ליבשאפט, אוועקגעבן פון זיין טייערע צייט ענטפערן אויף די שאלות וואס זיי האבן פאר אים פארגעלייגט, און נאכדעם שענקען א שיינע סומע און זיי ארויסבאגלייטן מיט גרויס כבוד אויף זייער וועג פארזעצן זייער הייליגע שליחות.

איינמאל ווען צום חתם סופר איז אנגעקומען א חשובער משולח פון ארץ ישראל. יעצט איז נישט געווען דאס ערשטע מאל וואס דער משולח איז געווען אין אט די הייליגע הויז אין פרעשבורג. אזוי ווי שטענדיג האט דער חתם סופר אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד און שעצונג, און האט אים אויך איינגעלאדנט עסן מיט אים א סעודה.

פארן ענדיגן די סעודה וואס איז אריבער מיט אסאך דברי תורה, האט דער משולח דערמאנט ברמז פאר זיין גאסט-געבער די ציל פון זיין קומען - צוזאם נעמען געלט פאר די עניי ארץ ישראל. ווי א ענטפער אויף דעם האט דער חתם סופר מכבד געווען דעם גאסט מיט 'זימון', ווען ער זאגט אים מיט ליבשאפט: "אה, דא האסטו שוין באקומען פערציג זהובים...".

דער חתם סופר האט מרמז געווען דאס וואס עס שטייט אין גמרא (חולין פז א) אז די ווערד פון יעדע ברכה איז צען זהובים, און ווייל ביים בענטשן איז דא פיר ברכות, איז דער וואס בענטש באקומט שכר פון פערציג זהובים.

אבער דער ירושלימ'ער משולח וואס איז געשאנקען געווען מיט א שארפע-צינג און איז געווען פול מיט מאטיוואציע מצליח צו זיין אין זיין אויפגאבע, אנשטאט ער זאל אננעמען די ווערטער, האט ער זיך געוואגט און רעאגירט צום חתם סופר זאגנדיג: "אין חוץ לארץ קען מען אפשר שפייזן די ארימעלייט מיט ברכות, אבער די עניי ארץ ישראל, און אירע כוללים און ישיבות קען מען נישט שפייזן אויף א אנדערן וועג אויסער געלט... איך וואלט ענדערשט געוואלט באקומען פון רב עכטע פערציג זהובים...".

הערנדיג די ווערטער איז דער חתם סופר אויפגעציטערט געווארן. מיט א ריתחא דאורייתא האט ער אוועקגעדרייט זיין פנים פון זיין גאסט, און פון זיין שטרענגן געזיכט האט זיך אנגעזען אז ער איז זייער מקפיד אויף די ווערטער וואס זענען יעצט געזאגט געווארן.

דער משולח האט נישט געוואוסט ווי ווייט איז דער חתם סופר פון ליצנות, ממש כרחוק מזרח ממערב. ער האט געמיינט אז דער חתם סופר וויל זיך ווערטלען מיט אים, אבער דער חתם סופר האט באמת געמיינט יעדע ווארט וואס ער האט געזאגט; אויב די גמרא זאגט אז די שכר פון א ברכה איז צען זהובים, איז מען זוכה ביי ברכת המזון צו פערציג, וואו קומט דא אריין צו מאכן א ווערטל און מזלזל זיין אין דעם?!

דער משולח האט שפעטער זיך געכאפט אין זיין נארישקייט, ער האט זיך געוואלט אנטשולדיגן און בארואיגן, ער האט גוט געוואוסט ווי הארב איז דער שטראף פון איינער וואס שפעט פון די רייד פון די חכמים, און כדי צו בארואיגן דעם גרויסן גאסט-געבער, האט ער געבעטן פון חתם סופר זאל אים ערלויבן ערקלערן זיינע ווערטער מיט א משל וואס איז געווען צוגעפאסט לויט יענע תקופה:

א איד איז אנגעקומען אין באנק וואו דארט האט ער געהאט זיין קאנטע (חשבון), אסאך צייט נאכן פארשפארן. די טירן זענען געווען פארשפארט, אבער דער מנהל איז נאך געזיצן ביי זיין טיש. דער איד האט געהאלטן אין האנט א טשעק וואס ער האט באקומען פון איינער פון די גרויסע גבירים פון די ראטשילד-פאמיליע, און האט געוואלט אז דער זאל אים אריינלאזן אין באנק און עס קענען נישט אויפטוישן.

וועלנדיג אויפמערקזאם מאכן דעם מנהל האט ער געקלאפט שטארק אויף די טיר און אקעגן די פענסטער האט ער געדרייט אהער און אהין מיט די טייערע טשעק. אבער דער מענטש האט זיך אינגאנצן נישט וויסנדיג געמאכט. דער באנק איז געווען פארשפארט, און אויב אזוי, פון דער בליק פון מנהל האט עס זיך געהאנדלט איבער א פשוטער דורכגייער וואס שאקלט אשטיקל פאפיר וואס האט נישט קיין ווערד און מיט דעם וויל ער אריינגיין אין באנק שפעטער פון די צייט. אזאך וואס מעג נישט זיין...

"ווען דער באנק איז פארשפארט, אויך די מערסטע טייערע טשעק איז נישט ווערד א פרוטה", האט דער משולח געענדיגט זיינע רייד, און נאכדעם האט ער זיך פארענטפערט און געזאגט פארן חתם סופר: "איך האב חלילה נישט געמיינט גרינגשעצן אין ברכת המזון, איך האב נאר געמיינט צו זאגן אז כאטש וואס די ווערד פון די ברכות איז זייער אסאך, אבער די עניי ירושלים קענען נישט איינקויפן וואס עס פעלט זיי מיט אט די א מטבע, און צוליב מיין שליחות דארף איך שאפן עכטע געלט...".

די קינדער פון חתם סופר דערציילן, די ענטפער האט אביסל בארואיגט דעם חתם סופר. ער האט טאקע אראפגענומען זיין הקפדה פון דער משולח, אבער פון דער טאג און ווייטער האט ער מער נישט געוואלט רעדן א ווארט מיט אים.

'טובך יביעו' פרשת נח

עיצובים shay